# זקניך ויאמרו לך

ת"ת תורה ויראה דרבינו יואל ד'סאטמאר• בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א• פה ק"ק קרית יואל יצ"ו

בעזהשי"ת | גליון קצ"ו – ראש השנה תשע"ב לפ"ק | כיתה ח' ט'


תתתתרסג) עס דערציילט אונזער עלטער זיידע

## הרה"ח ר' יעקב יושע טירנויער ע"ה

ער פלעגט דערציילן פאר די קינדער א מעשה וואס בדידי הוי עובדא, זייענדיג אין די 'חברה קדישא' האט מען אים אמאל גערופן צו א חולה מסוכן ל"ע, וואס האט שוין גע'גוסס'ט, יענער איז געווען זייער א פשוט'ער מענטש.

ווען דער זיידע האט אנגעהויבן צו זאגן מיט יענעם 'פסוקי יחוד' און קבלת עול מלכות שמים כנהוג, האט יענער נישט געוואלט מיטזאגן. האט אים דער זיידע מסביר געווען אז עס איז א גרויסע טובה פאר די נשמה אויב זי גייט אוועק פון די וועלט זאגנדיג פסוקי יחוד, און ער האט אים געבעטן אז ער זאל מיטזאגן מיט אים.

האט דער איד אנגעהויבן צו וויינען און געגעבן א געשריי "איך וויל זאגן, אבער וואס זאל איך טון אז זיי לאזן מיך נישט...".

כידוע איידער א מענטש גייט פון די וועלט שטייען נעבן אים די חיצונים און כוחות הטומאה וואס זענען באשאפן געווארן פון זיינע עבירות, און זיי פרובירן אז ער זאל שטארבן אן תשובה. זעהט אויס אז דער מענטש האט ליידער געטון אסאך עבירות אז זיי האבן געהאט די שליטה אויף אים, און ער איז ליידער אוועק פון די וועלט אן קיין תשובה און זאגן פסוקי יחוד.

דער זיידע ז"ל פלעגט נאכזאגן פון צדיקים אויפן פסוק "ואתחנן אל ה'" משה רבינו האט געבעטן א עקסטערע בקשה פונעם אייבערשטן, אז ווען עס וועט קומען "בעת ההיא" יענע צייט איידער מ'גייט פון די וועלט "לאמר" זאל מען קענען זאגן "ה' אלקים". (זיין יארצייט איז כ"ח אלול, ג' סליחות) (יעקב יושע פאלאטשעק, נפתלי צבי לאנדא, יעקב יושע לאנדא, יוסף אלי' ביקעל, יעקב יושע ביקעל, יעקב יושע שעהנברון, אהרן בערגער, קלונימוס אליעזר אפפעל, דוד סופר, יעקב יושע סופר)

תתתתרסד) עס דערציילט אונזער עלטער זיידע

## הרה"ג ר' ישראל מרדכי סימאן הי"ו

עס איז געווען א עלטערער איד וואס פלעגט נאך פארן צו הרה"ק **רבי יושע'לע מבעלזא** זי"ע און שפעטער צו **הרה"ק רבי ישכר דוב** זי"ע, און שפעטער צו בנו **הרה"ק רבי אהרן** זי"ע.

דער חסיד האט זיך געפירט אז שרייבנדיג א קוויטל פארן רבי'ן האט ער נאר געשריבן די נעמען, און דער רבי האט אליין מרגיש געווען אלע בקשות וואס ער האט געוואלט מזכיר זיין. ווען רבי אהר'לע איז געווארן אויפגענומען אלס ממלא מקום פון זיין טאטן, האט דער חסיד געפרעגט צי ער זאל ווייטער שרייבן אזוי ווי ער פלעגט שרייבן פאר זיינע עלטערן. האט ער גענטפערט "אנדערש"... האט ער פארשטאנען אז ער דארף יא ארײנשרייבן די בקשות אינעם קוויטל, און ער האט טאקע אזוי געטון.

דער חסיד האט געשריבן א קוויטל און ארויס געשריבן אלע בקשות, און עס איז נאך געבליבן א שטיקל ליידיג צעטל, האט ער דאס אפגעשניטן און ארײנגעלייגט אין טאש. און אויף דעם ליידיגן צעטל האט ער געשריבן א רשימה פון וועש וואס מ'דארף ארײנגעבן צום וועשער.

ווען ער איז ארײן צום רבי'ן מיטן קוויטל האט אים דער בעלזער רב טאקע אנגעוואונטשן בפרטיות אלע בקשות וואס ער האט געשריבן אינעם קוויטל.

שפעטער האט דער חסיד געוואלט שיקן די צווייטע צעטל צום וועשער, טרעפט ער אין טאש דאס קוויטל...דעמאלטס האט ער געכאפט אז ער האט געמאכט א טעות און ער האט געגעבן פארן רבי'ן דאס צעטל וואס האט געדארפט גיין צום וועשער, דעמאלטס האט ער פארשטאנען אז ווען דער רבי האט געזאגט 'אנדערש' האט דאס געמיינט אז מ'דארף ניטאמאל שרייבן די נעמען פון די משפחה. (ליפא סימאן, חיים סאנדעל, שמשון סימאן, משה יואל לעבאוויטש)

תתתתרסה) עס דערציילט מיין עלטער באבע תחי' אשת

## הרה"ח ר' מרדכי לייבלער ע"ה

איר פאטער איז געווען הרה"ח ר' זלמן שווארץ ע"ה א איידעם ביי הרה"ח ר' עזריאל שווארץ ע"ה דער ראש השובי"ם אין סאטמאר. זי האט אסאך צייט געוואוינט ביים זיידן אין שטוב, ווייל מ'האט דארט געדארפט ארויסהעלפן מיט די יונגע אייניקלעך יתומים ל"ע וואס האבן זיך דארט אויפגעצויגן.

איינמאל ווען זי איז געגאנגען מיט אן עוף פרעגן א שאלה ביים **פאפער רב זצ"ל** (הגה"צ רבי יוסף גרינוואלד זצ"ל אב"ד פאפא, האט דעמאלטס געוואוינט אין סאטמאר, און ער איז געווען צווישן די דיינים אין די שטאט) האט דער פאפער רב גע'פסק'עט אז עס איז טריף. נאך איר איז געווען א מיידל מיט א שאלה אויפן עוף, און ער האט גע'פסק'עט כשר.

דאן האט ער זיך געוואנדן צו די באבע תחי' און געזאגט "פאר אייך קען איך מחמיר זיין, ווייל איר קענט קויפן א צווייטע עוף, אבער די אנדערע מיידל קומט פון א ארימע שטוב, און אויב זיי וועלן נישט האבן דעם עוף, האבן זיי נישט קיין פלייש אויף שבת, מוז איך זיך פארלאזן אויף א קולא".

דער זיידע ר' עזריאל ז"ל איז געווען זייער א געהויבענער איד, עטליכע טעג פאר זיין פטירה האט זי באמערקט ווי ער איז אין ספרים שטוב אינמיטן די נאכט, און ער בעט איבער און געזעגנט זיך מיט זיינע ספרים.

זיין פטירה איז אויך געווען זייער געהויבן, ער האט געבעטן זיין פעלץ ווייל ער דארף עפעס גיין ערלעדיגן, דערנאך האט ער זיך אנגערופן "ניין, עס איז שוין נישט אינטערעסאנט, ער האט גענומען א גלאז וואסער און געמאכט א שהכל, דאן האט ער זיך אראפגעלייגט אין בעט, און ער איז נפטר געווארן בקדושה ובטהרה". (שמעון מרדכי ווייס, אברהם ווייס, גבריאל ווייס, אברהם יצחק וועזעל, עזריאל וועזעל)

תתתתרסו) עס דערציילט אונזער זיידע

## הרה"ח ר' יחזקאל יואל סאמעט הי"ו

געווען איז דאס בשנת תשכ"ז ווען איינער פון די באי ביתו פון **רבי'ן בעל דברי יואל** זי"ע איז געקומען אין די ישיבה און דערציילט אז די נאכט האט דער רבי נישט געקענט שלאפן און ער איז געווען זייער צורידערט, ווען ער האט געפרעגט דעם רבי'ן וואס עס מוטשעט דעם רבי'ן, האט אים דער רבי געזאגט "עס איז היינט געווען ביי מיר א חתן פון די ישיבה, און ער האט מיר געזאגט אז ס'איז נישטא קיין געלט צו שיקן מתנות פאר די כלה, האב איך אים געזאגט אז ער זאל צוריק קומען די אנדערע וואך, און כ'ווייס נישט פון וואו כ'וועל נעמען דאס געלט".

האט דער משב"ק געזאגט פארן רבי'ן אז ער זאל זיך נישט זארגן דערויף, און ער וועט דאס נעמען אויף זיך צוזאמענצושטעלן דאס געלט, הערענדיג אז די רעדע איז פון $700 האט ער בארוהיגט דעם רבי'ן אז דאס געלט וועט זיין. און ער האט דאס איבערגעגעבן פאר די בחורים אין די ישיבה, זוכנדיג וועגר עס זאל זיך צוכאפן צו די מצוה פון הכנסת כלה, וואס באריגט אזוי שטארק דעם רבי'ן.

ווילנדיג מאכן א נחת רוח פארן רבי'ן האב איך זיך אנגעטראגן מיט ר' שמשון שלמה שלאמאן הי"ו, אז מיר וועלן צוזאמענשטעלן דאס געלט. מיר זענען ארומגעגאנגען צו די בחורים פון די ישיבה, און יעדן מחייב

געווען מיט עטליכע דאללער לעשות רצון צדיק, און ביז צוויי טאג האבן מיר אריינגעטראגן צום רבי'ן $500 און דערציילט אז מיר האבן דאס צוזאמענגעשטעלט אין די ישיבה.

דער רבי האט אונז אויפגענומען מיט א גרויסע שמחה, און זיך פאראינטערעסירט איבער אונז. עס איז געווען א פלא, ווייל איין מינוט בעפאר האט א בחור אריינגעטראגן $1000 פאר א געוויסע צדקה צוועק און דער רבי האט נישט געמאכט קיין גרויסן עסק דערפון, און דא איז דער רבי געווען אזוי אויסטערליש צופרידן.

זעענדיג ווי עס איז בדיחא דעתי' דרבי, האבן מיר זיך געטרויעט און געפרעגט דעם רבי'ן א שאלה, היות די בחורים גייען דאך אסאך ארום נאך געלט, און מ'פארט ארום אין די אלע געגענטער פון בארא פארק, פלעטבוש, קווינס, וואשינגטאן הייטס, בראנזוויל, און איבעראל זענען דא אזעלכע שול'ן ווי דער באלעמער שטייט ביי מזרח, און די אנדערע פרצות פון די טעמפלען, וואס איז גע'אסר'ט געווארן דורך די גדולי ישראל תלמידי החת"ס זי"ע ובראשם דער מהר"ם שיק (עי' שו"ת מהר"ם שיק ס' ש'-ש"ד) צי מען מעג אהין אריינגיין נאך געלט.

הערענדיג די שאלה האט דער רבי געפרעגט בכלל צי מ'מאכט דארט געלט?" האבן מיר געענטפערט "ווילאנג מען גייט נישט אסאך מאכט מען געלט"...

האט דער רבי געזאגט "דער איסור פון מהר"ם שיק איז נאר געווען בשעת'ן דאווענען, זאל מען דעמאלטס אויסרעכענען ווען מען האלט נאך עלינו, און דעמאלטס זאל מען גיין".

ווען מיר האבן געפרעגט אז עס איז דאך שווער אויסצורעכענען אנצוקומען איבעראל נאכן דאווענען, ווען אין די צייט פארפאסט מען אנדערע מנינים, האט דער רבי געזאגט "אזוי זאל מען טוהן!". (יוסף אלי' סאמעט, אליעזר מאיר סאמעט - יצחק ווידער)

## תתתתרסז) עס דערציילט אונזער באבע תחי' אשת
## הרה"ח ר' אהרן מאיר פארגעס הי"ו

מיין זיידע הרה"ח ר' יודא קאין ע"ה פלעגט אלע יארן דאווענען ראש השנה און יום כיפור זייער לאנג שמונה עשרה.

איינמאל איז צוגעקומען צו אים א איד און געפרעגט פארוואס ער דאווענט אזוי לאנג? האט ער געענטפערט איך בין מתפלל צום אייבערשטן אז אלע מיינע דורות ווייטער, אין וועלכע אומשטענדן זיי זאלן נאר נישט זיין, זאל מען דערקענען אויף זיי אז זיי זענען אידן.

מיט יארן צוריק בין איך געשטאנען ביי די באס סטאנציע אין ארץ ישראל און געווארט כאפן א באס, איז דארט געשטאנען א פרייער איד, און ער רופט זיך אן "די באס פארט נישט קיין בני ברק"... (בני ברק איז א שטאט וואו עס וואוינען נאר פרומע אידן).

די ערשטע רגע האב איך געטראכט, פון וואו ווייסט דער פרייער אז איך וויל פארן קיין בני ברק, ווייל אין יענע צייט פרעגן אויך, להבדיל, גוי'טעס גיין אנגעטון צניעות'דיג. דעמאלטס האב איך זיך דערמאנט אז אויף דעם האט דער זיידע געבעטן ביי די שמונה עשרה אין די הייליגע טעג אז מ'זאל דערקענען אז מיר זענען אידן... (אפרים יואל פארגעס, יודא פארגעס, שמחה בונם פארגעס)

## תתתתרסח) עס דערציילט אונזער באבע תחי' אשת
## הרה"ח ר' חנני' יו"ט ליפא מערץ הי"ו

פאר די קריג האבן מיר געוואוינט אין מיטל-ווישעווע, מיין טאטע הרה"ח ר' שלמה וועג ע"ה איז געווען א גרויסער חסיד פון די צדיקי בית וויזניץ, און ער איז געווען באזונדער דבוק אין הגה"צ **רבי פינחס האגער זצ"ל דער בארשער רבי**, א ברודער מיטן אהבת ישראל זצ"ל. אין די שפעטערע יארן האט דער בארשער רבי געוואוינט אין סיגוט.

ווען דער בארשער רבי פלעגט קומען פון סיגוט צו די ווישעווע, פלעגט ער אנקומען ביינאכט ווען עס איז שוין געווען טונקל, און דער גאנצער עולם פלעגט ארויסגיין איהם מקבל פנים זיין ביי די באן מיט פאקלען.

איך געדענק נאך די מעשה ווען איינמאל ווען דער עולם איז געשטאנען און געווארט אויפן רבי'ן ביי די באן מיט די פאקלען, איז אנגעקומען א גוי א רשע און אוועק גענומען די פאקלען, און דער עולם האט געהאט עגמת נפש אז מ'וועט דארפן אויפנעמען דעם רבי'ן אין די טונקל.

למעשה האט דער רבי אביסל פארשפעטיגט, אינצווישן איז א בחור געלאפן ברענגען אסאך ליכט, און אזוי האט מען ליכטיג געמאכט.

אויפמארגנס איז דער גוי פלוצלונג קראנק געווארן אויף א שווערע מחלה, און יעדע שטיק צייט האט מען אים ל"ע געמוזט אפשניידן נאך א שטיקל פיס, און נאך אנדערטהאלבן יאר האט מען אים אראפגענומען דעם לעצטן שטיקל פיס ל"ע, און ער איז דעמאלטס געשטארבן מיט ביטערע יסורים.

עס איז געווען א גרויסער קידוש ה', ווייל יעדער האט געוואוסט אז דאס איז געקומען אלס עונש פארן טשעפענען דעם צדיק. (שמעון מערץ, יואל זוסמאן ג"ב, יוסף גאלדבערגער)

## תתתתרסט) עס דערציילט אונזער זיידע
## הרה"ח ר' משה פאגעל הי"ו

עס איז געווען ווען איינער פון די חשוב'ע אדמורי"ם אין אמעריקע איז געפארן קיין ארץ ישראל, איז ער אריבער געקומען זיך געזעגענען ביים רבי'ן מרן **הדברי יואל** זי"ע. דער רבי האט אים אויפגענומען מיט גרויס כבוד, און שפעטער האט ער אים ארויס באגלייט ביז צו די קאר וואס איז געווען א האלבע גאס אוועק פון רבי'נס הויז.

ווען דער רבי איז צוריק געקומען האט אים די רביצין ע"ה געפרעגט פארוואס ער האט אפגעגעבן אזא כבוד פאר א יונגן רבי'ן, וואס איז שלא כהרגלו?, האט דער רבי געענטפערט "מ'קען נישט זיין צוקריגט מיט די גאנצע וועלט, איך ווייס וואס איך טו".

ווען יענער רבי איז געווען אין ארץ ישראל זענען געקומען צו אים די פאליטיקאנטן פון די אגודה, און זיי האבן אים זייער געמוטשעט אז ער זאל אונטערשרייבן אויפן 'חוב קדוש' אז עס איז א מצוה צו גיין צו די בחירות. יענער רבי איז נישט געווען קיין איש מלחמות, און ער האט זיך נישט געקענט ארויסדרייען פון זיי אויף א שארפן אופן, האט ער זיי געענטפערט "איר ווייסט דאך אז דער סאטמארער רב איז זייער שארף דערקעגן, איך בין זייער בידידות מיטן סאטמארער רב, און איך קען זיך נישט צוקריגן מיט אים"...

ווען מ'האט דאס איבער דערציילט פארן רבי'ן האט ער שטארק הנאה געהאט, און ער האט זיך אנגערופן "איך האב געזאגט אז איך ווייס וואס איך טו"... (יעקב זילבערשטיין, שמעי' ברוך גאלד)

## תתתתרע) עס דערציילט אונזער זיידע
## הרה"ח ר' יחזקאל צבי מענדלאוויטש הי"ו

עס איז אמאל געווען א מסיבת תנאים אין שטוב פון מרן רביה"ק **הברך משה** זי"ע, און מיין פעטער הרה"ח ר' לייביש מענדלאוויטש ע"ה האט אנגעגאסן אסאך גלעזלעך בראנפן, און ער האט געגאסן פולע גלעזלעך.

האט זיך דער רבי אנגערופן "פארוואס גיסט איר אזויפיל? מ'טרינקט דאך נאר אביסל?". דערנאך האט דער רבי געזאגט בדרך צחות "ומי כעמך ישראל" וויפיל גאנץ כלל ישראל איניינעם טרינקט "גוי אחד" קען איין גוי אליינס טרינקען"... (שלום יוסף מענדלאוויטש, חיים ישעי' אשר מענדלאוויטש, אפרים פישל מענדלאוויטש)

## תתתתרעא) עס דערציילט מיין זיידע
## הרה"ח ר' יודא משה געלב הי"ו

איינמאל פרייטאג צונאכטס בין איך אהיים געגאנגען נאכן טיש באגלייטנדיג כ"ק מרן **רביה"ק בעל דברי יואל** זי"ע, האבן מיר באמערקט ווי א קעצל לויפט פארנט פונעם רבי'ן און קוקט אים אריין אין פנים, ווי ווייטער דער רבי איז געגאנגען איז דאס קעצל געלאפן פאראויס און געקוקט אויפן רבי'ן, ביז ווען בחורים האבן פארשטעלט דאס קעצל אז ער זאל נישט קענען זעהן.

לפלא, דאס קעצל איז ארויפגעשפרונגען אויף א הויכן בוים, און פון דארט איז זי געשפרונגען אויף די ביימער נאכלויפנדיג דעם רבי'ן ביז ווען דער רבי איז אנגעקומען אהיים. עס האט אויסגעזעהן ווי דאס קעצל האט א נשמה וואס דארף א תיקון ביים רבי'ן וכדומה. (חיים מרדכי געלב)